וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

**פרשת בראשית, כ"ט תשרי תשפ"א לפ"ק**
**שנה ב' גליון מ"ח**

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................................5:56
מוצאי שבת.........................................7:25
שחרית שב"ק ..................................... 9:15
מנחה ושל"ס .......15 מינוט נאכן זמן

# א מעשה פון תפלה

### יעקב משה אינדארסקי - שמשון צבי טייטלבוים

אויפ'ן וועג צום בית המדרש איז דא א הויז וואס דער בעל הבית האט צוויי גרויסע שווארצע הינט, געווענליך קומען זיי נישט ארויס אויפ'ן ראוד, איין טאג האט זיך יא געמאכט אז די צוויי הינט זענען אונז אנטקעגן געלאפן, גלייך האבן מיר געבעטן דעם אייבערשטן אז די הינט זאלן אונז נישט שעדיגן און זאלן אויפהערן אונז נאכצוגיין, מיר האבן פרובירט אויף אלע וועגן פטור צו ווערן פון זיי אבער זיי האבן זיך נישט אוועק געריררט פון אונז, מיר האבן שפאצירט אויפ'ן וועג און אגאנצן צייט געבעטן דעם אייבערשטן אז די צוויי הינט זאלן אפטראגן פון אונז, שכח אייבערשטער אז אינמיטן האבן די צוויי הינט אפגעמאכט צוריק צו לויפן צו זייער בעל הבית, אזוי האבן מיר געקענט אפאטעמען, ברוך השם!

### יעקב משה אינדארסקי

אסרו חג סוכות בין איך געפארן צום ריבניצער רבי'ס ציון אין מאנסי וואס דעמאלט געפאלט זיין יארצייט, אויפ'ן וועג האבן איך געבעטן דעם אייבערשטן אזוי ווי זיי האבן געמאלדן אז די הויפט אריינגאנג פון בית החיים וועט זיין פארמאכט, זאל אבער די זייטיגע אריינגאנג זיין אפן און איך זאל דארט קענען טרעפן א פארקינג צו פארקן, און אויך זאל איך מיך דארט קענען גוט אויסבעטן, שכח אייבערשטער אז די זייטיגע אריינגאנג איז יא געווען אפן און איך האב גלייך געטראפן א פארקינג נאנט צום זייטיגן אריינגאנג, און איך האב מיך ברוך השם געקענט גוט אויסבעטן פאר מיר און פאר גאנץ כלל ישראל. שכח אייבערשטער!

### ישעי' שטראסער

עס איז שוין טאקע אריבער אסאך זאכן זייט דעם לעצטן ראש השנה אבער אז מען האט מעשה פון תפלה דארף מען עס פארציילן.

איך האב איבערגעמאכט מיין פאספארט זומער צייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נאך אנקומען פאר ראש השנה כדי איך זאל קענען פארן אויף ראש השנה אין אומאן, שכח אייבערשטער אז עס איז אנגעקומען נאך פאר ראש השנה, יעצט בעט איך דעם אייבערשטן אז קומענדיגן יאר זאל איך קענען זיין אין אומאן ראש השנה.

# ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

**שמואל דוד ברוין נ"י וזוגתו פריידל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

# נייעס אין שטעטל

## חול המועד סוכות אין שטעטל

גאר א שיינע יארצייט סעודה פונעם הייליגן רבי'ן ז"ל איז געפראוועט געווארן ב' דחול המועד סוכות אושפיזא דמשה רבינו מיט די באטייליגונג פון אלע משפחות וואס וואוינען אין שטעטל.

די סעודה איז פארגעקומען ביי די סוכה פון האברך אשר בער אינדארסקי הי"ו. מען האט זיך געוואשן צום סעודה, אינמיטן די סעודה האט מען געהערט א לייוו הוק אפ פונעם שיעור וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט דעמאלט געגעבן אין וויליאמסבורג ביי די יארצייט סעודה וואס איז דארט פארגעקומען.

דערנאך איז מען ארויס אין פריילעכע טענץ פאר די זכיה וואס מיר האבן אז מיר ווייסן פון אזא גרויסן רבי'ן וואס געט אונז גוטע עצות אין לעבן, און פאר די זכיה אז מיר קענען וואוינען אין א שטאט וואס אלעס פירט זיך וויאזוי דער הייליגע רבי וויל.

דינסטאג נאכט ג' דחול המועד נאך מנחה מעריב האט מען מיטגעהאלטן מיט א לייוו הוק אפ די גמרא שיעור פארגעלערנט דורך דעם ראש ישיבה שליט"א, דערנאך האט מען געהערט די דרשה ביים סעודה פון אושפיזא דאהרן הכהן.

מיטוואך נאכט ד' דחול המועד אושפיזא דיוסף הצדיק האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויס געקומען צו אונז אין שטעטל – כאטש עס איז נישט גרינג אזא נסיעה צו פארן, דאך האט זיך דער ראש ישיבה אנגעשטרענגט ארויס צו קומען אונז מחזק זיין.

עס איז געווארן צוגעשטעלט א סעודה אין די סוכה פון האברך שבתי מזרחי הי"ו, מען האט געהערט גאר א שיינע שיעור פונעם ראש ישיבה שליט"א ובפרט איז געווארן ארום גערעדט וויאזוי צו פירן א שטוב מיט דעם וועג וויאזוי מוהרא"ש האט עס אראפ געשטעלט, ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א מסיים געווען: **אויב וועט ווייטער זיין אחדות אין שטעטל וועט דער פלאץ האבן הצלחה.**

דאנערשטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם דף גמרא, דערנאך האט מען זיך געשטעלט דאווענען, דער ראש ישיבה האט געדאווענט הלל און פארגעזאגט הושענות פאר'ן עמוד.

נאכן דאווענען איז פארגעקומען א סיום מסכת שקלים פון ירושלמי, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה אין די סוכה פונעם בית המדרש. דער ראש ישיבה שליט"א האט איבערגעגעבן גאר א שיינע שיעור, איינס פון די זאכן האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט: **איך הער אז מען איז מתווכח דא אין שטעטל יעדער איינער האלט עפעס אנדערש, דאס איז נישט קיין פראבלעם אז מען האט חילוקי דעות, אבער נאכדעם דארף מען בלייבן גוטע פריינד אזוי ווי פארדעם, בפרט ביי די פרויען וואס מאכט זיך מער די סארט זאכן, דארף מען זעהן אז ביים סוף זאל מען זיך ווייטער ליב האבן און נישט בלייבן צוקריגט.**

## צווייטע טעג אין שטעטל

אסאך משפחות זענען אריינגעפארן אין וויליאמסבורג מיטצוהאלטן דעם יום טוב ביים ראש ישיבה שליט"א, אנגעפאנגען פון הושענה רבה ביז נאך שמחת תורה, וואס איז פאראיבער גאר דערהויבן, און דאס וועט זיכער געבן חיזוק צו קענען אנגיין פאר נאך א יאר.

אויך דא אין שטעטל איז אריבער גאר שיין די צווייטע טעג יום טוב, אנגעפאנגען פון הושענה רבה ווי עס איז צוגעגאנגען צום עמוד האברך העניך אינדיג הי"ו, אויך האט מען מיטגעהאלטן די הושענות ביים ראש ישיבה שליט"א דורך א לייוו הוק אפ.

שמיני עצרת ביינאכט איז פארגעקומען גאר פריילעכע הקפות, עס איז געווען ממש מחיה נפשות, מען האט געטאנצן און זיך געפריידט מיט די תורה פאר אפאר שעה די טאטעס מיט די קינדער, צווישן די הקפות האט מען געזינגען אידישע ניגונים מיט די קינדער.

שמחת תורה ביינאכט איז ווייטער פארגעקומען גאר פריילעכע הקפות. אזוי אויך שמחת תורה אינדערפרי איז ווייטער פארגעקומען ספעציעלע פריילעכע טענץ, מען האט געטאנצן מיט א מורא'דיגע אחדות.

גאר שיין איז געווען ווען מען האט פארקויפט די עליות פאר תפילות, איינע פון די עליות איז פארקויפט געווארן פאר אזוי סאך ווי הונדערט טויזנט תפילות.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,**

איך דאווען אין א גרויסע שול אין מיין געגנט, און די וואך האט איינער עפעס שאדן געמאכט פאר די שול, און דער שמש האט באשלאסן אז איך האב עס געטון, און לכבוד דעם האט ער מיר זייער שטארק פארשעמט אין פארנט פון יעדן מיט מורא'דיגע בזיונות, אן אפילו מברר זיין צי ס'איז אמת. איך בין געווארן פון דעם אזוי צובראכן אז נעכטן האב איך געדאוועגט מנחה מעריב אינדערהיים, איך האב זיך פשוט געשעמט צו גיין אין שול. און איך טראכט נישט אזוי שנעל צוריקצוגיין אהין ווי לאנג ער קומט מיר נישט איבערבעטן. וואס זאל איך טון?

**יישר כח**

תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וארא, כ"ד טבת, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

**גיי צוריק דאווענען אין שול און מאך נישט קיין עסק פון דעם וואס דער גבאי האט דיר פארשעמט.**

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אז מען ווערט פארשעמט און מען שווייגט אפ, דאס איז דער עיקר ווי אזוי מען טוט תשובה; מוהרא"ש האט דערציילט אז אמאל איז דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה געגאנגען מיט איינעם פון אנשי שלומינו צום הייליגן רבינ'ס ציון, אויפן וועג איז צוגעקומען א מתנגד און געווארפן אויפ'ן טשערינער רבי א שטיק צואה, דער טשערינער רב איז געגאנגען מיט א שיינע זיידענע בעקיטשע און די בעקיטשע איז אים פארשמירט געווארן, ער האט זיך אבער נישט וואוסנדיג געמאכט פון דעם נאר ער איז ווייטער געגאנגען, אבער דער אנדערער וואס איז מיטגעגאנגען מיט אים האט זיך אויסגעדרייט צו דעם מתנגד און אנגעפאנגען שרייען: "שגץ!" וכו' און דער מתנגד האט צוריק געשריגן וכו', האט דער טשערינער רב אים אנגעכאפט און געזאגט: "שווייג, דאס איז דאך אונזער זאך", און ער האט צוגעלייגט: **"אויב א מענטש שווייגט אפ אויף בזיונות איז ער זוכה צו גאר שיינע זאכן אויף די וועלט".**

בלייב דאווענען אינעם שול וואו דו דאוונסט; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", ווער עס איז זיך קובע א פלאץ וואו צו דאווענען בקביעות, וועט דער אייבערשטער וואס האט געהאלפן אברהם אבינו אים אויך העלפן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און ווען דער מענטש שטארבט זאגט מען אויף אים ביים הספד: ווי פאר דעם עניו וואס איז נפטר געווארן, ווי פאר דעם חסיד וואס איז נפטר געווארן, ער איז געווען פון די תלמידים פון אברהם אבינו; זעט מען דאס גרויסקייט פון דער וואס בלייבט דאווענען אינעם זעלבן שול, ער קוקט נישט אויב מען פארשעמט אים, **ער קוקט נישט אויף קיינעם, ער קומט אין שול צום אייבערשטן**, דאס איז א סימן אז דער מענטש איז א "עָנָיו" און א "חָסִיד", אזא מענטש איז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", ווייל אויב וואלט ער נישט געווען קיין עניו, וואלט ער שוין לאנג אוועק געלאפן פון דארט, נאכדעם וואלט ער אוועקגעלאפן פון דעם אנדערן שול און אזוי ווייטער, אבער ווען א מענטש איז א עניו, ער ווייסט ביי זיך: 'איך בין גארנישט, איך דארף גארנישט, איך האב גארנישט און איך וויל גארנישט; **איך קום נישט צו קיינעם דא אין שול, איך קום נאר צום אייבערשטן**', דאס איז א סימן פון אן ערליכער איד.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

* * *

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וזאת הברכה, מחרת יום הכיפורים, י"א תשרי, שנת תשפ"א לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר.**

בנוגע דיין פראגע וואס דו האסט געפרעגט, דיין ווייב וויל וויסן אויב זי זאל זיך פארנעמען לכבוד דעם נייעם יאר נישט צו גיין א לאנגע קלייד אין שטוב.

וויסן זאלסטו אז א לאנגע קלייד איז זייער א שיינע זאך צו גיין, אבער דאס איז געמאכט צו גיין אין שטוב; אלע גייען שבת מיט לאנגע קליידער, אבער דאס איז א שטוב קלייד, **ווען מען גייט אין גאס דארף מען זיין פארזיכטיג נישט צו צוען צו זיך פרעמדע אויגן.**

ביי מיר אין שטוב פלעגט מען גיין לאנג ביז מיין שטוב איז געווארן א רשות הרבים, יעדע שבת קומען בחורים, געסט, גייט מען אנגעטון אזוי ווי מען גייט אין גאס.

דעריבער זאלסטו מחזק זיין דיין ווייב זי זאל נישט גיין אין גאס מיט שטוב קליידער. בפרט די משפחות וואס וואוינען אין שטעטל, זיי בעט איך נאך מער מען זאל **גיין אנגעטון אין גאס שיין רייך און איידל**, נישט שלעפעריש, לאנג און קלעבעדיג. איך דארף נישט אז די פרויען זאלן אויפקערן די גאסן אין שטעטל מיט די לאנגע קלעבעדיגע שלעפערישע שטוב קליידער.

אין שטוב, פאר די מאן - איז נישט קיין שום פראבלעם צו גיין מיט דעם. א זיסע יאר.

* * *

בעזהשי"ת - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשע"ה לפ"ק

**לְכָבוֹד מֵיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נ"י**

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה אַז דוּ הֵייבְּסְט אָן אַרְבֶּעטְן פַאר זִיךְ אַלֵיין, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֵיין אַרְבֶּעטְן פַאר זִיךְ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דוּ בִּיסְט גֶעוָוארְן פְרִישׁ אוּן דוּ גֵייסְט אַלֵיינְס אַרֵיין אִין בִּיזְנֶעס; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין, אוּן אֵייבִּיג הָאבְּן הַצְלָחָה.

**אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין בִּיזְנֶעס.**

1) דִי עֶרְשְׁטֶע סוֹד צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה, אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן **אַרוּם גֵיין בְּשִׂמְחָה**, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט מִיט וָואס, דָאךְ זָאגְט דִי רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב, סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", וֶוער עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אִיז מַצְלִיחַ.

2) צְוֵוייטֶענְס, **זַיי מְכַבֵּד דַיין וַוייבּ**, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): אַז דִי עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט פוּן דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן כְּסֵדֶר גוּטֶע וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

3) **מִנְיָן"**, זֶע מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קֵיין כֹּחַ, דָאךְ גֵיי אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל יֶעדְן טָאג.

4) **מִשְׁנַיוֹת מִיט גְמָרָא.**

5) וְעַל כּוּלָם תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער כְּסֵדֶר: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה".**

**אַז דוּ וֶועסְט טוּן דִי עֵצוֹת וֶועסְטוּ זַיין אַ רַייכֶער גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ.**

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ פַארְבְּרֶענְגְן אַ שַׁבָּת מִיט דִיר פָּארִיגֶע וָואךְ אִין קִרְיַת יוֹאֵל, צוּ זֶעהְן וִוי דוּ גֵייסְט אָן.

## ד' דחול המועד סוכות אין שטעטל מיט'ן ראש ישיבה שליט"א





פאר אלע אייערע עלעקטער און פלאמבינג
געברויכן רופט דעם עקספערט
יואלי לאנדא הי"ו
347-666-8029
KB POWER
ELECTRIC AND PLUMBING